געוועזן פון טויט, האט זיך פלוצים באוויזן די לעצטע מינוט, ווען קאזאקן האבן שוין געהאלטן בא שיסן א גרופע יידן, און האט זיך פאר זיי איינגעשטעלט מיט אזא ענערגיע, מיט אזוי פיל מאראלישער איבערצייגונג און מסירת־נפש, אז אפילו די קאזאקן האט דאס גערירט, און אזויארום האט ער מציל געווען מענשן פון א זיכערן טויט·

קורץ — אין גאנצן און אין גרויסן גענומען, זיינען די פאגראמען פאר דער ממשלה פון די פרייוויליגע א רײַן מיליטערישע זאך· אין געוויסע פאלן שפרינגט נאך צו די מלוכה־וואַך (פאליציי)· אין ראָסאַווע, א שטייגער, האט דער פריסטאוו גופא מיט זיינע מיליציאנערן געשאסן יידן, וואס האבן זיך אומגעקערט א היים צו די חורבות נאכן פאגראם· דאס אייגענע טוט די מיליציע אין קאָכנין קיעווער גוב·, און פאַמפושקאָ, פאליציי שעף אין סטעפאַנעץ, די מיליציע אין סטאַווישטש קיעווער גוב· און אין אנד· ערטער· (אגב, איז דערזעלבער פאמפושקא פאר די באלשעוויקעס געווען א פירער פון א פארטיזאנישער גרופע)· פאליציי טעראריזירט בכלל און נעמט „קאנטריבוציע” בא יידן· די הויפטפאגראמארבעט בלייבט אבער א מאָנאָפאל פאר דער רעגולערער ארמיי· מיט דערדאזיגער פאגראמפאליטיק איזאָלירט זיך די ארמיי אפילו צווישן דער קריסטליכער באפעלקערונג· צווישן „מעשטשאַנעס”, וואס זיינען געווינטליך קאנסערוואטיוו, בפרט נאך אין „תחום” און זיינען גרייט געווען צו קוקן אויף דער ארמיי, ווי אויף רוסלאנדס באפרייער און זייערע אויסלייזער·

דאס שענדן פרויען מאסנווייז·

דאס שענדן מאסנווייז יידישע פרויען — דאס איז דער שארפסטער, בולטסטער סימן אין די פאגראמען ביי די פרייוויליגע· דאס איז דאס אייגנס, וואס די פרייוויליגע האבן אממייסטן אויפגעטאן אין דער פאגראמפראקטיק· שרעקליכע שחיטות זיינען פירגעקומען פריהער אויך, ס׳איז גענוג צו דערמאנען די שחיטות פון פעטליורעס ארמיי אין פראָסקוראוו, אין פעלשטין (פעווראל 1919), גריגאריעווס בלוטבעדער אין טשערקאס, אין יעליסאוועט־

גראד (מאי 1919), און דאך איז דארט שענדן פרויען געווען א זעלטענע זאך, געציילטע פאלן. איצט, בא די פרייוויליגע, איז דאס געווארן א פראגראמזאך, אזויווי רויבערייען, רציחות. פרויען שענדעט מען אומעטום, אפילו בא "שטילע פאגראמען" און אין די גרויסע שטעט. אין יעקאטערינאסלאוו האט מען גערעדט וועגן טויזנט געשענדעטע יידישע פרויען. אין קליינע שטעטלאך זיינען געשענדעטע געווארן הונדערטער פרויען, ד. ה. כמעט אלע, וואס האבן ניט באוויזן זיך אויסצובאהאלטן א לאנגע צייט, אדער אנט־לויפן. פריהער איז שוין דא דערמאנט געווען, וויאזוי דאס שענדן פלעגט פירקומען: 1) מ'פלעגט דאס טון אפן פאר מענער, עלטערן, קינדער און אלע ארומיגע אין די אויגן; 2) מ'פלעגט ניט שוינען ניט קיין עלטער, ניט קיין צושטאנד. דער דאזיגער גרויל האט ניט אויסגעמיטן ניט קיין קליינע קינדער, פון 8 יאר אָן, ניט קיין זקנות. מ'וואלט געקאנט האלטן די אלע מיטטיילונגען פון ארטיגע קארעספאנדענטן, ווי אויך ספעציעלע אויספארשונגען, וועגן שענדן פרויען פאר א בייזן חלום פון היציגקראנקע, אבער דאן וואלט מען באדארפט אנקומען צו נאך א ווילדערער השערה, אז הונדערטער מענשן פון פארשידענע ערטער, וואס האבן זיך קיינמאל ניט גע־טראפן, האבן עפיס ווי על פי נס געמאכט צווישן זיך א הסכם דערציילן איינע און די זעלבע זאך, כמעט מיט די זעלבע ווערטער און דערצונאך אויסקלערן געמען פון די געטראפענע. מ'וואלט באדארפט פועלן בא זיך, אז מאַסן יידישע פרויען, וואס האבן זיך געמוזט ווענדן צו דאקטוירים און צו אַקושאָרינס נאך הילף, פארמאגן ניט דאס מינדסטע ערנגעפיל און קלערן אליין אויף זיך אויס דאס מאוסטע און דאס ערגסטע. אזוי שרעקליך, נישט צו באנעמען, איז דאס, וואס ס'ווערט דערציילט. לאמיר דא ברענגען עטליכע פאקטן פון אָהן א שיעור אזוינע: אין קאָרסון (קיעווער גוב.) זיינען פארצייכנט צוויי פאלן, ווען מ'האט געשענדעט 70־יאריגע זקנות, דאס אייגענע איז פירגעקומען אין ראָסאַווע מיט א 75־יעריגער פאר דעם מאן און די טעכטער אין די אויגן, אין טאָמאַשפאָל און אין אנדערע ערטער. אין קרעמענטשוג האבן 6 קאזאקן געשענדעט א פרוי,

קראנק אויף ריקפאַלטיפוס, אין קאָרסון — א פרוי א גוסס, וואס
איז אויסגעגאנגען דא אויף דער שטעל. איז ניעזשין, אין ראָסאַווע
האט מען געשענדעט געווינעריננס נאך אין קימפעט, אין פרילוק
האט מען אפגעשטעלט א מיידל אין מיטן העלן טאג אין גאס אקעגן
וואָלאָסט, מ'האט זי אויסגעטאן נאקעט און געשענדעט. צו 8 צו 10
קאזאקן מיט אמאל שענדן קליינע קינדער. אין טשערקאס האט מען
איינע א געשענדעטע צעביסן פונם קאפ ביז די פיס און זי איז גע־
שוואלן געווארן. אין באָרזנאַ האט מען א גרופע יידישע מיידלאך
געכאפט אין גאס, פריהער זיי אויסגעשמיסן, דערנאך געשענדעט.
יידישע מיידלאך און פרויען פלעגט מען מאסנווייז פארשלעפן פון
די הייזער, און זיי האבן זיך שוין צוריק ניט אומגעקערט, ארויס־
גענומען פון די וואגאָנעס אין וועג. דער גרעסטער טייל קרבנות האט
זיך אנגעשטעקט מיט די העסליכסטע ווענערישע קרענקען, אנדערע
זיינען אראפ פון זינען. מ'האט געשענדעט און דערנאך געהרגעט,
א סך האבן זיך געבעטן ווי א חסד דעם טויט אנשטאט דער שאנד.
און א סך בלוטיגע קרבנות האבן געבראכט יידן, אלט און יונג, פאר־
טיידיגנדיג זייערע אייגענע פאר שאנד און אומגליק. און ווי לאזט
זיך דאס אלץ דערציילן?...

ענויים און פייניגונגען

ס'איז שווער צו זיין אריגינעל אין פרט אכזריות
נאך אזוינע פאגראממייסטערס, ווי זעליאָניס, סאָ־
קאלאווסקיס באנדעס, פעטליורעס אַטאַמאַנעס: פאַ־
ליענקאָ (דער 1 זשיטאמירער פאגראם יאנואר 1919), סאַמאָסענקאָ
(פראָסקוראָווער שחיטה) און אנדערע. און דאך האבן די פריי־
וויליגע אין דעם פרט אויך באוויזן אויפצוטאן, סיי אין דער פאר־
שידנארטיגקייט פון פייניגן און שפּאָטן, סיי אין דעם אימפעט, ווי־
אזוי דאס איז געטאן געווארן. קודם־כל אינקוויזיטארישע פיי־
ניגונגען, אינקוויזיטארישע מעטאָדעס — דאס איז דאס געוויינט־
ליכע מיטל, וואס מ'באגייט דערהויפט בא צאַפּן געלט, בא מאנען,
מ'זאל זיך אויסקויפן. די אנגעווענדטע מיטלען זיינען אזוי פאר־
שידנאַרטיג, און מ'טוט דאס אזוי מעטאָדיש, באטראכט און אויס־
געהאלטן, אז ס'קאן מאכן דעם איינדרוק, אז דא זיינען ניט סתם

מערדער, וואס טוען זייער זאך אויף דער גיך, נאר מיושבדיגע פרומע אינקוויזיציע־מאַנאַכן, וואס ווילן אזויארום ארויסבאקומען דעם אמת, אזוינע זאכן, ווי שרעקן מיט דער ביקס, שטעלן "צו דער וואנט", שלאגן, מזיקן, האַקן איברים, — דאס איז געווען דאס "באַנאַלע", דער וואכעדיגער גאנג. די פרייוויליגע האבן פארמאגט "פיינערע" מעטאדעס; א שטייגער הייגען אויף אנצושרעקן. דאס קומט פיר אזוי: מ׳ווארפט איינעם ארויף א שטריק אויפן האלז, מ׳מאכט א שלייף און מ׳הייגט אויף דעם קרבן אויפן ערשטן האַקן אין שטוב, מ׳לאזט אבער ניט, ער זאל דערשטיקט ווערן, ווארום מ׳דארף אים גראד האבן א לעבעדיגן, ער זאל זיך אויסקויפן, ער זאל ווייזן, וואו עפּיס איז אויסבאהאלטן, און גלאט אזוי צוזעהן, ווי א מענש צאפּלט צווישן לעבן און טויט. מ׳נעמט אים דערפאר אלע מאל אראפּ, מ׳לאזט אים קומען צו זיך, מ׳מונטערט מיט דער ביקס, מיט דער נאַגײַקע און מ׳הייסט זיך ווייזן וואו איז וואס אויס־באהאלטן, מ׳מאנט געלט א. אז. וו. מ׳"הייגט" יענעם אזוי לאנג, ביז אייגענע און פרעמדע לויפן ניט און ברענגען אויסקויפגעלט. ס׳זיינען באוואוסט פאלן, ווען מ׳האט אזוי געהאנגען א מענשן 3 מאל (בערקאָוויטש׳ן אין קריוואָיע־אָזערא) און אפילו 17 מאל (סמי־ליאנסקין אין טשערקאס, אגב, אפגערויבט ביי אים א האלבן מיליאן), א פאל ווען א יינגל א גימנאזיסט (באָריס זאַבאַרסקי אין פאסטאָוו) האט מען געניט פארציהען דעם שלייף אויפן פאטערס האלז.

מ׳באנייט די מיטלעלטערישע מעטאדע פון אויספּרובן מיט פייער: מ׳ברענט דאס פנים מיט א לאמפּ, מ׳ווארפט אין פייער אריין, אין בעלא־צערקאָוו, א שטייגער, האט מען דאס געטאן מיט איינעם גראָסמאַן, אן אנטלאפענער פון א פּאגראם אין וואָלאָדאַרקע, און יענער איז געשטארבן פון די וואונדן. מ׳ברענט די האר אויפן קאפּ, די טריט א. אז. וו.

פאראן נאך א קאמבינירטע מעטאדע: מ׳הייגט איינעם אויף און מ׳ברענט אים די טריט מיט ליכט (אין קאַהאַרליק): דאס דערמאנט די אינקוויזיטאָרישע "דיבע". מ׳רייסט האר פון דער בארד, מ׳שטעכט

די טריט מיט נאָדלען א. אז. וו. אין באַריספּאָל האָט מען ביי איינעם לי־לעגאַרט געמאָנט 25 טויזנט רובל; פאַר „עַקשנות" האָט מען אים תּחלת אומגעוואָרפן און געטרעטן מיט די פיס, דערנאָך האָט מען אים אַריינגעשטופּט אין א קעסטל און מ׳האָט אים דורכן דעקל גע־שטאָכן מיט שפּיזן, צולעצט האָט מען אים כּמעט א טויטן אַרויס־געשלעפּט און געשאָסן פאַר דער מוטער און דער שוועסטער אין די אויגן.

אין די טויזנטער זיינען אומגעקומען יידן בא די פּריווויליגע אונטער די הענט, גרייזגרויע „קאָמוניסטן", וואָס מ׳האָט זיי גע־פּאַקט בא דער גמרא אין בית־מדרש, קאָמוניסטן־עופּהלאָך אין די וויגן, פאַראייניגעס מיט די מוטערס און באַבעס צוזאַמען. אין יעדער צעטל הרוגים איבעראַשט די צאָל פאַרפייניגטע זקנים, פרויען, קינדער. מ׳האָט געשאָסן, אָבער נאָך מער האָט מען גע־שטאָכן, געהאַקט מיט שווערדן, אָפּגעהאַקט שאַרבנס. א סך זיינען אומגעקומען אין פייער אין אונטערגעצונדענע הייזער (אין איין פאַס־טאָוו אַריבער 100, אין לוטשינעץ דזשורין, יאַרוגע פּאָדאָליער גוב.), מ׳האָט דערשטיקט א שטייגער, אין קאָרסון דעם 80־יאָריגן סוכאָ־דאָלסקי, לעבעדיגערהייט באַגראָבן: די 90־יאָריגע פרומע פּעקאַר אין ראָזשעוו. צווייען אין טעטיעוו, בן־ציון עוואַלענקאָ אין אָבורכאָוו (דאָך אַרויס לעבעדיג) און נאָך און נאָך.

אָבער אַזא טויט האָבן נאָך געקאָנט מקנא זיין מענשן, וואָס מ׳האָט זיי געפּייניגט אָהן אָן אויפהער, אָפּגעשניטן דעם צונג (קיס־מאַן אין פאַסטאָוו, פריהער פאַרוואונדעט מיט א קויל), די אויערן, די נאָז, אויסגעשטאָכן די אויגן (יאַמפּאָלסקי אין פאַסטאָוו), אָפּגע־האַקט הענט און פיס א. אז. וו.

וואָס איז שוין צו ריידן פון „אידיליעס", וואָס רוסישע אָפיצערן האָבן זיך לוסטיג געמאַכט: איינגעשפּאַנט יידן אין א שליטן פאַר פערד (האָראָדישטש), אָדער געהייסן געמוזיקטע האַלב נאַקעטע מענשן, וואָס פאַר זייערע אויגן האָט מען אויסגעקוילעט זייערע עלטערן און קינדער, זיך נעמען פאַר די הענט און טאַנצן פרייליך א קאַראַהאָד מיט א געזאַנג: „הַרגע יידן, ראַטעווע רוסלאַנד!" (מי־

כאַילאָווקע — כאַרקאָווער גוב.; קאַהאַרליק — קיעווער גוב; באָרזנאַ — טשערניגאווער גוב. א. אזוי ווי).

דאס אויסוואָרצלען יידישע קהלות.

מיר האבן שוין פריהער געזעהען, אז די פרייוויליגע זיינען אויסן געווען ניט בלויז רויבן פאר זיך יידיש גוטס. ניט ווייניגער האבן זיי גלאט חרוב געמאכט, פארניכטעט. אינם פארניכטן אלס א צוועק פאר זיך, — שטעקט, אזויצוזאגן, דער אידעאליזם פון די פרייוויליגע, וועלן מ'איז אויסן ניט זיך, נאר די אידייע: אויסראטן יידן. דער דאזיגער טייל פאגראמפראקטיק: פארניכטן שטובזאכן, סחורה, צינדן הייזער, געשעפטן, איז שוין באקאנט פריער אויך, דערהויפט בא די באַנדעס אין קיעווער און אין פאָדאָליער גוב. ניי איז דא בא דער פרייוויליגער ארמיי, וואס קיינער ביז זיי האט דאס אין אזא מאסנמאסשטאב ניט געטאן אזוי גרינדליך, סיסטעמאטיש. א סך יידישע שטעט און שטעטלאך האבן שוין איבערגעהאט צו פאגראמען עטליכע מאל אין משך דאס יאר 1919, און דאן האבן זיי זיך געהאלטן. איצט האט זיי די פרייוויליגע ארמיי דערלאנגט דעם לעצטן טויטקלאפ. אנדערע שטעט, ווי, א שטייגער, פאַסטאָוו, וואס די פאגראמכוואליע האט זיי גליקליכערווייז אויסגעמיטן, און זיי האבן צו זיך ארייגענומען טויזנטער אומגליקליכע, אנטלאפענע פונם פאגראם־גיהנום, האבן די דאזיגע פארניכטונגסיסטעם פארזוכט דאס ערשטע מאל פון די פרייוויליגע. פון אונטערצינדן האבן שווער געליטן א סך פאגראמערטער: באָהוסלאַוו, בעלאַ־צערקאָוו, האָראָדישטש, האָסטאָמעל, קאָרסון, מאַקאַראָוו, ראַקיטנע, ראָסאַווע, טאַלנע, שפאָלע — קיעווער גוב.; באָריספאָל — פאָלטאַווער גוב.; נעזשין — טשערניגאווער גוב; קריוואָיע־אָזעראָ, טאָמאַשפאָל, מיאַסקאָווקע, סאַווראַן — פאָדאָליער גוב. א. אזוי ווי.

אנדערע ערטער, ווי א שטייגער פאַסטאָוו מיט זיינע 10 טויזנט יידישע איינוואוינער, זיינען כמעט אינגאנצן אוועק מיטן פלאם און רויך. אין איין פאַסטאָוו זיינען פארברענט געווארן 200 יידישע הייזער און אויך אזוי פיל קראָמען.

מ'האט סיסטעמאטיש פארניכטעט ניט בלויז פריוואטפארמעגן,

נאר געזעלשאפטליך גוטס אויך. מ׳האט צעשטערט און געברענט בתי־מדרשים, יידישע שפיטאלן, בתי־זקנים, שולן, ליי־און־שפארקאסעס, קאאפעראטיוון. אין בעלא־צערקאוו א שטייגער האט מען פון דער תלמוד־תורה געמאכט אן אָפּטריט, דעם פליגל אין הויף האט מען געמאכט פאר א פערדשטאל, כאטש דא דערביי איז פאראן א פאסיג האלבפארמאכט געביי פאר פערד, מ׳האט אויסגעהאקט די פענסטער מיט די ראמען, די טירלאך פון די אויוונס. אין ראָסאַווע, א שטייגער, האט מען חרוב געמאכט די ליי־און־שפאר־קאסע אויף אזא שטייגער: די קאזאקן האבן אויפגעריסן די שופלאדן, די שאפעס, די טישן, דעם ארכיוו, זיי האבן אויפגעריסן דעם סקלאד און האבן צערויבט די גאנצע סחורה. א שטיק צייט האבן זיי זיך געמאטערט מיט דער פייערקאסע; צולעצט, ארום 1 באנאכט, האבן זיי אונטערגעלייגט אונטער דער קאַסע פּיראָקסילין און אויפגעריסן דאס גאנצע געביי.

מאסנווייז האט מען פארניכטעט יידישע הייזער, געשעפטן, פריהער צערויבט אלצדינג, וואס ס׳האט זיך געפונען אין זיי. צו דעם דאזיגן חורבן קומט נאך צו, וואס דאס גארע האנדללעבן און עקאנאמיש לעבן בכלל איז פאראליזירט געווארן, ווארום דער טעראָר, דאס באפאלן און רויבן יידן, האט ניט אויפגעהערט אפילו די צייט פון „שטילן פּאָגראָם“. דאס אלץ האט געבראכט דערצו, אז צעהנדליגער יידישע קהלות זיינען אפּגעמעקט געווארן. דאס „לעבן“ אין די שטעט און אין שטעטלאך מיטן פערמאנענטן פּאָגראָם איז געווארן אזא פיין, אז ניט געקוקט דארויף, וואס אויף די וועגן האט געלויערט דער טויט, האבן די לעבנגעבליבענע, הונגעריג, נאקעט און באָרוועס, מיט זקנים, קראנקע און קינדער אויף די הענט, זיך געלאזט לויפן, וואוהין די אויגן טראגן. אפט האבן זיי געטראפן פונקט אין אזוינע רואינירטע קהלות. דא, אין די נייע ערטער, האבן די היימלאזע געקאנט ארויסקוקן ניט מער ווי אויף צדקה. וואס מער קהלות ס׳זיינען חרוב געווארן, און וואס מער ס׳האבן זיך אנגעזאמלט אזוינע היימלאזע, אלץ קלענער האט געמוזט ווערן דידאזיגע הילף. דא האט מען זיך געוואלגערט אין

א שרעקליכער ענגשאפט אין בתי־מדרשים און הקדשים און מ׳איז אויסגעשטארבן מאסנווייז פון הונגער, קעלט, נאך מער פון עפּידעמיעס, דערהויפּט פון טיפוס. די שטערבליכקייט פון דער יידישער באפעלקערונג צו יענער צייט איז געווארן אזוי גרויס, אז מ׳האט ניט באוויזן מקבר צו זיין צו דער צייט, און ס׳איז געווארן „אָט־שערעדן״ אויף קבורה. מ׳קאן זיכער זאגן, אז אויב יידן זיינען געפאלן אין די טויזנטער פון קאזאקישע קוילן און שווערדן, זיינען זיי נאך מער, אין די צענדליגער טויזנטער, אומגעקומען פונם חורבן נאכן פאגראם פון הונגער, קעלט און טיפוס.

דאס האט געטראפן צענדליגער יידישע קהלות היימלאזע: באָריספּאָל, באָיאַרקע, האָסטאָמעל, דימער, איגנאַטאָווקע, יאַרוגע, קאַהאַרליק, קאָבישטשע, קאָזין, קריוואָיע־אָזעראָ, מיראָנאָווקע, מאָשני, אָרלאָוועץ, פּאָטאָקי, ראָזשעוו, ראָסאַווע, טאַגאַנטשע, טאַראַשטש, שאַרגאָראָד און אנדערע. אייניגע היימלאזע, וואס האבן זיך געפּרובט אומקערן אהיים, האט דאס געקאסט דאס לעבן (א שטייגער ראָסאַווע); אין בעסטן פאל האבן זיי געמוזט באלד אנטלויפן (באָיאַרקע און אנד. ערטער). קאזאקן האבן געצונדן די הפקר־געבליבענע הייזער, אדער ארומיגע פויערים האבן זיי צענומען. צוריק קומען איז שוין ניטא וואוהין.

אבער ניט בעסער איז געווען די לאגע פון די רואינירטע קהלות׳ וואס האבן ניט געקאנט אדער זיך ניט איינגעשטעלט צו לויפן און זיינען געבליבן אויף אַן ארט. דא זיינען אויך אומגעקומען אין די טויזנטער פון הונגער, קעלט און טיפוס. וועגן דער לאגע אין אזא בערך־קולטורעלער און פארמעגליכער קהלה ווי פאַסטאָוו נאכן ערשטן פאגראם (דעם 22—26 סעפּטעמבער 1919) ווערט דערציילט אין אן אפיציעלן באריכט וועגן דער הילפסארבעט אזוי: מיר האבן עוואקואירט קיין קיעוו 75 שווערפארוואונדעטע (פון זיי אגב, זיינען אייניגע אומגעקומען אין קיעוו אין שפּיטאל בעת קיעווער פאגראם); מיר האבן ארגאניזירט 2 עפּידעמישע באַראַקן פאר 500 מאן, 2 צוזאמענוואוינונגען, מיר שפּייזן אין די צדקה־קיכן און מיט פּראָדוקטן 6500 מאן. אלע טאג שטארבן צו 10—20 מענשן. אין אזא